פּאַרטיי אויף דער וועלט-קאָנפֿערענץ אין ווין, יולי 1920.

מחוץ דעם ראַטן-פֿאַרבאַנד האָט דער בונד ווײַטער עקזיסטירט ווי אַ מאַסן-פּאַרטיי, בעיקר אין פּוילן, ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה, און ביז הײַנט עקזיסטירן בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין די תּפֿוצות, ווי אויך אין ישׂראל.

## די יעווסעקציע

נאָך אַ פֿאַקטאָר צו דער ליקווידאַציע פֿון בונד איז געווען דאָס אויפֿשטעלן די ייִדישע סעקציע (יעווסעקציע) אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט צוגעצויגן מיטגלידער פֿון די אַנדערע ייִדישע פּאַרטייען.

די יעווסעקציע האָט נישט קיין גוטן נאָמען אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿטלעכקייט, בפֿרט אין ישׂראל, צוליב איר קאַמף קעגן ציוניזם, קעגן דער העברעיִשער שפּראַך און קעגן דער ייִדישער רעליגיע. געלבאַרד געפֿינט אָבער אויס אַ זכות לטובֿת דער יעווסעקציע צוליב איר פּאָזיטיווער טעטיקייט אויפֿן ייִדישן קולטור-געביט: „אַנטקעגן די טענדענצן פֿון דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, אוקראַיִניזאַציע און ביעלאָרוסיפֿיקאַציע אין דער ייִדישער סבֿיבֿה האָבן די יעווסעקישע אַקטיוויסטן אָנגעשטעלט די ייִדישיזאַציע".

אַ דאַנק דער יעווסעקציע, געוועזענע בונדיסטן און חבֿרים פֿון אַנדערע ייִדישע אַרבעטער-פּאַרטייען, האָבן עקזיסטירט אין די צוואַנציקער און אָנהייב דרײַסיקער יאָרן הונדערטער ייִדישע שולן, קינדער-גאָרטנס, מיטלשולן, סעמינאַרן און פֿאָרש-איסטיטוטן און אין זיי צענדליקער טויזנטער תּלמידים. עס זענען אַרויסגעגאַנגען צײַטונגען און ביכער אין דער ייִדישער שפּראַך. די יעווסעקציע האָט אויך פֿאַרדינסטן אויפֿן געביט פֿון דער פּראָדוקטיוויזאַציע פֿון די ייִדישע מאַסן און דער איבערגאַנג צו אַגראַר-קאָלאָניזאַציע.

די ליקווידאַציע פֿון דער יעווסעקציע אין די דרײַסיקער יאָרן האָט געמאַכט אַ סוף צו אַ ייִדישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿטלעכקייט אין ראַטן-פֿאַרבאַנד. אין די מלחמה-יאָרן איז געקומען צו אַ געוויסער אויפֿלעבונג, וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט דערלויבט כּדי צו געווינען דעם צוטרוי און שטיץ מצד די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער פֿולשטענדיקער סוף פֿון אַ ייִדישן קולטור-לעבן איז געקומען מיטן טראַגישן טויט פֿון די ייִדישע שרײַבער.

אַ באַזונדער קאַפּיטל גיט דער מחבר אָפּ די פּאָליטישע ביאָגראַפֿיעס פֿון דער בונדישער פֿירערשאַפֿט. אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך אײַנגעגלידערט אין דער יעווסעקציע, ווי ירחמיאל ווײַנשטיין און אסתּר פֿרומקין. זיי האָבן געליטן צוליב זייער בונדישער פֿאַרגאַנגענהייט, וואָס מען האָט זיי כּסדר פֿאָרגעוואָרפֿן. דער רובֿ פֿון זיי זענען פֿאַרשיקט געוואָרן אין די לאַגערן אָדער זענען באַשטראָפֿט געוואָרן מיט טויטאורטייל.

דער טראַגישער גורל פֿון רוסלענדישן בונד איז אויך די טראַגעדיע פֿון דעם טייל פֿון ייִדישן פֿאָלק, וואָס האָט געלעבט אין די גרענעצן פֿון סאָוועטן-פֿאַרבאַנד און באַזונדערס פֿון די וואָס האָבן געגלייבט, אַז דאָרט וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן דער סאָציאַליזם מיט די הומאַנע אידעאַלן פֿון פֿרײַהייט, דעמאָקראַטיע און מענטשנרעכט.

ד״ר מרדכי קיִעל

# וועגן דוד ראָסקעס

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דודן געטראָפֿן אויף אַ קאָנפֿערענץ פֿון „יוגנטרוף" אין ניו-יאָרק, אין אַטראַן-הויז אויף לעקסינגטאָן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 16 יאָר – ער אַ האַלב יאָר עלטער. ער איז אַהער געקומען פֿון קאַנאַדע האַלטן אַ לעקציע וועגן פּרצן און איך בין געקומען פֿון ברוקלין שמועסן, זינגען, פֿאַרברענגען. איך בין געווען אַ פּשוטער יוגנטלעכער אָן אינטעלעקטועלע פּרעטענציעס, איך האָב מיך געגרייט הערן אַ קלוגע און נודנע רעדע פֿון וואָס די עלטערע געסט וועלן שעפּן נחת. ווײַזט זיך אַרויס, אַז איך אַליין האָב הנאה געהאַט פֿון דער לעקציע.

די פֿאַרזאַמלונג איז געווען געפּאַקט, אָבער די אַטמאָספֿערע איז נישט געווען גינציק פֿאַר לאַנגע רעדעס; און ווען דוד האָט אָנגעהויבן רעדן, געדענק איך נאָך הײַנט דעם אײַנדרוק. ער האָט גערעדט ווי אַ פּראָפֿעסאָר, ווי אַ מין ייִדישער Doogie Houser-Ph.D. פֿאַר מיר האָט יענע לעקציע געהאַט אַ טיף דערצידרנדיקן באַטײַט. דודס אויטאָריטעט האָט אונדז געגעבן אַ געפֿיל פֿון זיכערקייט: מיר, די „בייבי-בומערס" הייבן אָן ווערן לײַט. ס׳איז געווען אַ דערהויבענער מאָמענט: כ׳האָב געזען די צוקונפֿט און ס׳אַרבעט. איך בין באמת געוואָרן אינספּירירט.

דערצויגן אין אַ סבֿיבֿה פֿון חורבן-געראַטעוועטע, האָב איך אָפֿט געהערט פֿון מײַנע עלטערנס פֿרײַנד זאָגן – „מיר זײַנען די לעצטע מאָהיקאַנער". די רייד האָבן מיר פֿאַרשאַפֿט אַ סך צער. איך האָב גאַנץ גענוי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט דעם סוף פֿון מײַנע עלטערנס וועלט, וואָס וועט אויסגיין מיטן דור-החורבן. אָבער איך האָב דעמאָלט

געדענקט, אַז טשינגאַטשוק, דער טראַגישער העלד פֿון יענער קלאַסישער אַמעריקאַנער דערציילונג, האָט געהאַט אַ זון וואָס האָט גערעדט זײַן טאַטנס שפּראַך.

און איך, וואָס בין געהאָדעוועט געוואָרן אין ייִדיש-לשון, ייִדישער קולטור און ליטעראַטור, האָב זיך געפֿילט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר מײַן ירושה. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך געפֿילט, אַז פֿאַר מיר אַליין וועט דער עול זײַן נישט מעגלעך צו טראָגן און בײַנאַנד מיט מײַן קאָמפּלעקס פֿון נישט-רײַפֿקייט האָב איך זיך געפֿילט שולדיק יעדעס מאָל וואָס ס'האָט מיר געפֿעלט אַ וואָרט אָדער כ'האָב געניצט אַ טעותדיקן אַרטיקל, און דאָס ערגסטע – ווען כ'האָב פֿאַרפֿעלט לייענען אַ בוך פֿון אַ שרײַבער אָדער אַ דיכטער, האָב איך געהאַט אַ געפֿיל, אַז איך פֿאַראַט מײַן קולטור-ירושה. און שפּעטער, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט די ייִוואָ-בלעטער, די ייִדיש-וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן, האָב איך זיך געזאָרגט, אַז מײַן דור זאָל נישט פֿאַרגעסן דעם עבֿר וואָס מיר האָבן אַנטפּלעקט; אַז מיר זאָלן נישט פֿאַרלירן די פֿאַרבינדונג מיט אונדזער לומדישן עזבֿון; אַז מיר קענען חלילה אויפֿהערן שרײַבן וועגן זיך אַליין אויף מאַמע-לשון. ווער פֿון אונדזער יונגוואַרג וועט פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון די גדולים? וועלן מיר האָבן אַ שאַצקי, אַ ניגער, אַ ווײַנרײַך? אַפֿילו אוריאל ווײַנרײַך געהער צו דער עלטערער גענעראַציע! אַזוי האָב איך זיך געפֿילט ווי דער זון פֿון טשינגאַטשוק, אַליין אין דער וועלט, דער לעצטער מאָהיקאַנער.

דער „יוגנטרוף" האָט מיך באַפֿרײַט פֿון יענעם שווערן געפֿיל. אויף זייערע צוזאַמענטרעפֿן בין איך נישט געווען אַליין. אונדזער ירושה האָט צוגעצויגן יונגע כּוחות, טאַלענטפֿולע און געטרײַע יורשים, אַ דאַנק דער פֿרײַנדלעכער הדרכה פֿון מרדכי שעכטער – און הערנדיק דוד ראָסקעסן רעדן וועגן די גרינדער פֿון ייִדישן מאָדערניזם האָב איך געפֿילט, אַז לא אַלמן ישׂראל, אַז מיר, די מאָהיקאַנער, זײַנען נישט די לעצטע. אונדזער דור האָט אָנגעהויבן פֿילן, אַז אַ נײַער שעפֿערישער כּוח גייט אויף אין אונדז אַליין, וואָס דוד ראָסקעס קען דינען ווי אַ מוסטער. ער איז געוואָרן אונדזער מליץ-יושר פֿאַר ייִדיש-לערנען אין די זעכציקער יאָרן. ווי זײַן באַליבטער יצחק-לייבוש פּרץ, האָט ער אויך אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון ייִדיש צווישן דעם יונגוואַרג וואָס האָט זיך צו איר געטוליעט, און זי געטראָגן צו די פֿרעמדע און אָפּגעפֿרעמדטע.

דוד איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די אינטעלעקטועלע און אַרטיסטישע נײַע שטראָמען פֿון די זעכציקער און זיבעציקער יאָרן און געבליבן ביז הײַנט au courant. ער איז געווען אַן אַוואַנגאַרד פֿאַר זיך אַליין. זײַן שליחות איז געווען יונג, פֿריש און אַלץ וואָס איז געווען נײַ און שפּאַנענדיק האָט ער אויסגעניצט פֿאַר טראַדיציע, פֿאַר ייִדיש און פֿאַר זײַן פֿרוכטיקער ליטעראַרישער שעפֿערישקייט וואָס מיר באַערן דאָ איצטער.

צען יאָר שפּעטער, אַן ערך 1975, האָבן מיר מיט דוד ראָסקעס און אלי לעדערהענדלער געפֿרישטיקט אין דער קאַפֿעטעריע פֿון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. איך האָב דעמאָלט נאָר וואָס אָנגעהויבן מײַן קאַריערע פֿון אַ לאַנגדויערנדיקן סטודענט אויף אַ דאָקטאָראַט. דוד ראָסקעס איז שוין געווען פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער ליטעראַטור אין סעמינאַר.

יעדעס מאָל וואָס מיר דרײַ קומען זיך צוזאַמען האָב איך אַ געפֿיל, אַז מיר זיצן אין אַ קאַפֿעטעריע אין וואַרשע אויף דער דזשיקע-גאַס אָדער אויף דער ריווינגטאָן-גאַס אויף דער איסט-סײַד און דיסקוטירן די לעצטע געשעענישן פֿון 1910. ביסטו מיט דודן, לעבט אויף דער אַמאָל, אָבער אין שמועס ווערט אַרײַנגעבראַכט עפּעס חידושדיקס. איר קענט זײַן זיכער, אַז אומגעריכט וועט דוד אַרויסקומען מיט אַ שפּאָגל נײַעם אַספּעקט פֿון קולטור. אין יענעם פֿרימאָרגן איז דער ענין געווען סטרוקטוראַליזם, וואָס עלי און איך האָבן נאָך נישט געהערט פֿון דעם, אָבער דוד האָט שוין פּלאַנירט ווי אַזוי צופּאַסן די נײַע וויסנשאַפֿט צו זײַן פֿאָרשאַרבעט.

* * *

דוד ראָסקעס איז פֿון בראַנדײַס אַרויסגעקומען מיט זײַן חידושדיקער דיסערטאַציע וועגן אײַזיק-מאיר דיק און דעם אויפֿקום פֿון אַ ייִדישער פֿאָלקס-ליטעראַטור אין נײַנצעטן יאָרהונדערט. גרשון קאָהען האָט אים באַשטימט ווי דער ערשטער פּראָפֿעסאָר פֿון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר.

גרשון קאָהען ע"ה, וואָס פֿלעגט אין ביטער קאַלטע טעג רעדן אַ וואַרעמען ייִדיש אין דער ווינדע, האָט געהאַלטן, אַז די קעגנערשאַפֿט פֿון די העברעיִסטן אין סעמינאַר צו ייִדיש איז שוין אויסגעשפּילט און ייִדיש דאַרף פֿאַרנעמען זײַן באַרעכטיקט אָרט אין סעמינאַר. אין קאָלאָמביע-אוניווערסיטעט איז ער געווען אַ גוטער-פֿרײַנד מיט אוריאל ווײַנרײַך און מיכל הערצאָג. קאָהען האָט געשטרעבט צו דעם, אַז דער סעמינאַר זאָל זײַן די קרוין-אינסטיטוציע פֿון ייִדיש לומדות און מיט דודן האָט ער געטראָפֿן דעם ריכטיקן פּאַרשוין. דוד ראָסקעס איז טאַקע געוואָרן איינער פֿון די אָריגינעלסטע, פֿרוכטיקסטע געלערנטע אין סעמינאַר.

מיר דאַרפֿן פֿאַרשטיין, אַז קאָהען איז נישט נאָר געווען פֿאַראינטערעסירט אין ראָסקעס ווי אַ וויסנשאַפֿטלער. ער האָט אויך אָפּגעשאַצט זײַן צוגאַנג צו רעליגיע און טראַדיציע אין גײַסט פֿון פֿראַנץ ראָזענצווײַגס זוכעניש פֿון ייִדישער אויטענטישקייט.

דודס ערשטע ערנסטע אַרבעט איז פֿאַקטיש געווען אַ ליטורגיש קונסטווערק וואָס האָט באַוויזן די בקיאות פֿון אַ לערער און די חריפֿות פֿון אַ קינסטלער-קריטיקער. דאָס איז געווען זײַן נאַכטוועכטער, אַ מדרש אויפֿן חורבן.

איך האָב דודס יוגנטלעכע אַרבעט אַליין איבערגעלעבט אין מײַן אימפּרעסיוון עלטער און פֿאַזע פֿון מײַן אייגענער רעליגיעזער אַנטוויקלונג ווען איך האָב אַליין אָנטייל גענומען אין אַ הזכרה דורכגעפֿירט לויטן בוך נאַכטוועכטער אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין 1972 (איך האָב זיך אָפֿט אַליין באַניצט מיטן מדרש-חורבן אין מײַן אייגענער שול מיט די לידער פֿון קאַטשערגינסקי און סוצקעווער ווי מאָדערנע פּיוטים).

דודס ראָל ווי אַ לערער און דענקער, זײַן נוסח ווילנע, זײַן אויפֿריכטיקייט און עסטעטיק האָט ער געלערנט אין הויז פֿון זײַנע עלטערן און אינעם מאָנטרעאָלער שולסיסטעם. זײַן דערציִונג און סבֿיבֿה האָט מעגלעך געמאַכט זײַן אויסקלײַב פֿון אַרטיסטישע און ליטעראַרישע געביטן. איך גלייב, אַז דוד האָט אפֿשר געוואָלט פֿאַרווירקלעכן דעם חלום פֿון Jules Dassin און מאַכן אַ פֿילם פֿון שוואַרצבאַרדס דער לעצטער פֿון די ל״וו אין ייִדיש.

איך גלייב, אַז מער נאָך פֿון פּרץ איז אפֿשר אַנ-סקי דער פּראָטאָטיפּ פֿאַר דודן און ס'איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס דוד איז געווען אַזוי פֿאַסצינירט מיט אים אַזוי פֿיל יאָרן. ווי אַנ-סקי, האָט ער פּרובירט געפֿינען שותּפֿותדיקייט פֿון אַמאָל און איצט אין אַ הײַנטצײַטיקער דרײַשפּראַכיקער קולטור – ייִדיש, העברעיִש און ענגליש.

אַנדערש פֿון אַנ-סקי, וואָס האָט זיך באַמיט אַרײַנצוברענגען דאָס חשיבֿות פֿון דער רעליגיעזער וועלט אין דער באַוועגונג פֿון סעקולאַריזם, האָט ראָסקעס פֿאַרביטן רוסיש מיט ענגליש און ניו-יאָרק אָנשטאָט דעם שטעטל; און באַלאַנסירנדיק די דרײַשפּראַכיקייט אַ ביסל אַנדערש האָט דודס לעבנסווערק אַנטפּלעקט די יסודותדיקע רעליגיעזע סטרוקטור פֿון אונדזער סעקולערער עסטעטיק, ווי למשל – די הזכרות און פֿײַערונגען. אָט די אַלע פֿאַרשידענע ריכטונגען פֿון זײַן אינטעלעקטועלער קאַריערע קומען זיך צונויף אין זײַן ווערק: Against the Apocalypse: Responses to Catastrophe in Jewish Culture. דאָס ווערק איז באַגריסט געוואָרן פֿון קאַנצלער שאָרש ווי דער סטרוקטוראַליזם מיט אַ מענטשלעך פּנים.

די אַרבעט האָט אַגבֿ געוווּנען אַ צאָל פּריזן און געוואָרן איבערגעזעצט אין רוסיש און העברעיִש.

די סטרוקטור פֿון דער קולטור-מסורה איז אויך די טעמע פֿון זײַן נײַסט בוך: A Bridge of Longing: The Lost Art of Yiddish Storytelling (אַ בריק פֿון בענקשאַפֿט: די פֿאַרלוירענע קונסט פֿון דערציילן אַ מעשה).

צו זײַן באַקומען די נוסח ווילנע-פּרעמיע אויפֿן נאָמען פֿון חיים גראַדע ווינטשן מיר אונדזער פֿרײַנד, דעם געלערנטן דוד ראָסקעס, ווײַטערדיקע שעפֿערישע דערגרייכונגען פֿאַר דער ייִדישער קולטור און ליטעראַטור.

ד״ר דוד־הירש ראָסקעס

# רעדע בײַם באַקומען די נוסח ווילנע-פּרעמיע א״נ חיים גראַדע

מיר איז גוט – איך בין אַ ייִדישיסט.

פֿון די פֿריִע קינדער-יאָרן ביזן הײַנטיקן טאָג האָט מען זיך געבענטשט מיט מיר דערפֿאַר, ווײַל איך רעד און פֿאַרנעם זיך מיט ייִדיש. אין 1952, בעת זײַן לעצטן באַזוך אין מאָנטרעאָל, האָט אַבֿרהם רייזען, צווישן אַנדערן, פֿאַרבראַכט בײַ דער משפּחה ראָסקעס. איך האָב זיך פֿאַרליבט אין אים און ער – אין מיר. איך, אין אים, ווײַל כ'האָב קיין זיידן ניט געהאַט און כ'האָב באַשלאָסן אים צו אַדאָפּטירן. ער – אין מיר, דערפֿאַר ווײַל ער האָט מיך געהערט פּלאַפּלען אויף ייִדיש. יענעם אָוונט זאָל רייזען האָבן פֿאַרזיכערט דעם עולם אין זאַל פֿון אַרבעטער-רינג אויף St Lawrence Boulevard, אַז ס'איז נאָך דאָ אַ האָפֿענונג פֿאַר ייִדיש כּל-זמן עס זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע קינדער ווי דער 4-יאָריקער דודל ראָסקעס.

אמת, אין דער ייִדישער פֿאָלקשול האָט מײַן אַקאַדעמישער שטערן קיין מאָל ניט אויפֿגעלויכטן. ס'איז געווען מײַן מזל זיך צו לערנען אין איין קלאַס מיט אַבֿרהם-כאַסקל איגעלפֿעלד, וואָס ניט נאָר איז ער געווען אינטערדיאַלעקטיש – געקענט רעדן אי וואַרשעווער, אי פּראָטאָליטוויש, נאָר אין אַלץ איז ער געווען אַ גאָון. איך האָב זיך אויסגעצייכנט בלויז אין שפּילן טעאַטער, און מײַן דעביוט ווי שלמהלע, אין דאָראַ וואַסערמאַנס אויפֿ-

פֿירונג פֿון קידוש־השם, האָט אַרויסגערופֿן התפּעלות בײַם רעדאַקטאָר פֿון קענעדער אָדלער, ישׂראל ראַבינאָוויטש: „ראָסקעס פֿילט זיך אויף דער בינע ווי אַ פֿיש אין וואַסער". כ׳האָב גלײַכצײַטיק געשפּילט אין ענגלישן ליבהאָבער־טעאַטער אויך — מאָליער, אָסקאַר ווײַלד, אַפֿילו שעקספּיר — נאָר אַזעלכע לויבגעזאַנגען ווי פֿאַר מײַן קליינער ראָלע אין קידוש־השם האָב איך קיין מאָל ניט באַקומען.

מיר איז אויך גוט, ווײַל פֿון אַ ייִדיש־רעדנדיקן קינד און יוגנטלעכן האָט מען געפֿאָדערט מערער ווי פֿון אַ קינד פֿון אַ גאַנץ יאָר. אונדזערע לערערס אין דער פֿאָלקשול — רובינאָוו, חסיד, דונסקי, ווײַסמאַן — זענען געווען מאַקסימאַליסטן, וואָס האָבן דערוואַרט, אַז מיר זאָלן אויסוואַקסן צווייִשפּראַכיקע ייִדן, פּונקט ווי זיי אַליין האָבן געאָטעמט דורך ביידע נאָזלעכער: אויף עבֿרית און אויף ייִדיש. אָט דער אידעאַל פֿון אינעווייניקסטער ייִדישער צווייִשפּראַכיקייט איז מיר בײַגעשטאַנען אויך שפּעטער, בעת מײַן עקסטרעם־ייִדישיסטישער תּקופֿה, און האָט באַשטימט מײַן ווײַטערדיקן גאַנג. איטלעכער לערער האָט געפֿאָדערט וואָס מערער. אָט האָב איך זיך געלערנט דיקציע בײַ הערץ גראָסבאַרד, דעם גרעסטן ייִדישן וואָרטקינסטלער. איינס־צוויי־דרײַ האָט ער זיך מייאש געווען אין מיר, ניט אַזוי צוליב מײַן קאַנאַדער ריש ווי צוליב מײַן האַרטן למד. איך געדענק ווי איך בין געבליבן שטעקן בײַם וואָרט „וואַלד" און אים פּשוט ניט געקענט גובֿר זײַן. מײַנע פּריוואַטע לעקציעס האָבן זיך איבערגעריסן. שפּעטער, ווען כ׳האָב זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פֿון אַ באַוווּסטזיניקן ייִדישיזם, האָט מײַן מדריך, ד״ר מרדכי שעכטער, געפֿאָדערט פֿון מיר, אַז איך זאָל שרײַבן קאָרעקט און רעדן קאָרעקט, און איך בין שטאָלץ, וואָס עד־היום געפֿינט ער אין מײַן שרײַבן עפּעס אויסצובעסערן. דאָס נעמלעכע אין אוניווערסיטעט, ווו מײַן צווייטער לערער פֿון ייִדישער ליטעראַטור, פּראָפֿ׳ חנא שמערוק, האָט כּסדר געפֿאָדערט נאָך און נאָך, ביז ער האָט זיך אויכעט מייאש געווען אין מיר. במשך די אַלע יאָרן האָב איך געהערט פֿון אים בלויז איין גוט וואָרט — אין זכות פֿון מײַן שפּילן די ראָלע פֿון יעקבֿ־אָבֿינו אין אַ טראַדיציאָנעלער פּורים־שפּיל וואָס מיר האָבן אויפֿגעפֿירט אין ירושלים אין 1973. „ראָסקעס", האָט ער מיר געזאָגט, „דאַרפֿסט ווערן אַ ייִדישער אַקטיאָר".

אָט די קאָמבינאַציע פֿון ליבשאַפֿט און שטרענגקייט, פֿון מידת־הרחמים און מידת־הדין, פֿון אַ קאָלאָסאַל וואַרעמער סבֿיבֿה און אַ עלעטיסטישן וועלטבאַנעם — אין אָט דעם געוועב האָב איך זיך אויסגעצײַטיקט. ווי גוט מיר איז, וואָס איך בין אַ ייִדישיסט.

ס׳האָט מיך אָבער זייער פֿרי דורכגעדרונגען אַ געפֿיל פֿון טרויער, ניט־געקוקט אויף די באַמיִונגען פֿון עטלעכן, לערערס, שרײַבערס און מדריכים צו שאַפֿן אַ ייִדיש־סבֿיבֿה וואָס זאָל פֿאַרענטפֿערן אַלע אונדזערע גײַסטיקע באַדערפֿענישן. ס׳איז דאָך געווען קליפּ און קלאָר (ווי די ווילנער זאָגן), אַז די בלי־תּקופֿה פֿון ייִדיש איז שוין לאַנג געהאַט אַריבער. פֿאַקטיש, לויט דער כראָנאָלאָגישער צײַט־רעכענונג, ניט אַזוי לאַנג. אָט האָב איך אַליין געקענט אַבֿרהם רייזענען, וואָס ער איז געהאַט געזעסן בײַ פּרצן אין סאַלאָן, און אָט האָט מײַן מאַמע זיך געהאַט געלערנט בײַ זלמן רייזענען. אָבער צווישן מיר און יענעם עבֿר איז געלעגן אַ תּהום, וואָס קיין ייִדיש־רעדער און קיין ייִדיש־קענער קען פֿון אים ניט אַנטלויפֿן: דער חורבן. ווען ניט דער חורבן, וואָלטן געקומען אַזוי פֿיל אַנדערע ייִדיש־רעדערס פֿון יענער זײַט ים. זיי וואָלטן כּסדר געשטאַרקט אונדזערע רייען, כּדי מיר הי־געבוירענע זאָלן ניט בלײַבן די איינציקע שוואַרץ־, ברוין־ און בלאָנדקעפּיקע צווישן דעם גאַנצן עולם ייִדן בײַ אַ ליטעראַרישן אָוונט אין דער ייִדישער פֿאָלקס־ביבליאָטעק, צי בײַ אַ פֿאָרשטעלונג פֿון דראַאַ וואַסערמאַנס טרופּע אין דער סיידי בראָנפֿמאַן־צענטער. ווען ניט דער חורבן, וואָלטן מיר געקענט אַבאָנירן ניט נאָר דעם ניו־יאָרקער קינדער־זשורנאַל, נאָר די ווילנער גריניקע ביימעלעך אויך; ניט נאָר די צוקונפֿט און די גאָלדענע קייט, נאָר אויך די ליטעראַרישע בלעטער. ווען ניט דער חורבן, וואָלט איך געקענט פֿאָרן אויך קיין ווילנע אויף דער ייִוואָ־אַספּיראַנטור, און ערשט נאָך דעם דער גאַנצן מײַנע לימודים אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. ווען ניט דער חורבן, וואָלט איך געקענט באַזוכן מײַן מומען, די פֿאָלקס־זינגערין אַננאַ וואַרשאַווסקי, אין קאָוונע, און מײַן פֿעטער הירש מאַץ, אין דער סאָז־קאָלאָניע אין ווילנע — און ווער ווייסט, צי איך וואָלט בכלל געבוירן געוואָרן אין מאָנטרעאָל און גערעדט ייִדיש מיטן פֿאַרשאָלטענעם ריש און מיטן האַרטן למד.

איז מיר אויסגעקומען, פֿון ייִנגלווײַז אָן, זיך צו פּראַווען מיט דער טעמע פֿון אומקום. אַזוי לאַנג און אויף אַזוי פֿיל פֿאַרשיידענע אופֿנים האָב איך געפּרוּווט בויען אַ בריק איבער יענעם תּהום — דורך שרײַבן דראַמעס, דורך שאַפֿן אַ נײַעם יזכּור־ריטואַל, דורך אַקאַדעמישער פֿאָרשונג, דורך איבערזעצונג, דורך לערערײַ — ביז איך האָב זיך אַליין אימוניזירט. כ׳בין געוואָרן אַ ספּעציאַליסט

אין אָפּשאַצן – און אָפּשאַפֿן – קולטורעלן שאָדן. דאָרט ווו אַנדערע זעען נאָר דעם בראָך, דעם גוואַלדריס, דעם אַפּאָקאַליפּס, זע איך סימנים פֿון המשך, פֿון טראַדיציע, פֿון קולטור-באַנײַונג. דאָס איז פֿאַקטיש די אַקס, דער שווערפּונקט פֿון אַלץ וואָס איך שרײַב, צי איך באַשרײַב די טעמע פֿון אומקום און חורבן, צי גאָר פֿון מעשׂיות און חסידות. דער גורל פֿון ייִדיש, פֿונעם אַלבאַטראָס-פֿויגל וואָס פֿלעגט אַ מאָל באַשײַנען דעם שער-בלאַט פֿון יוגנטרוף, פֿונעם פֿאָלק וואָס גייט אונטער און ווערט ווידער אויפֿגעריכט אויף נײַע יסודות, איז אי מײַן מעטאָדיק, אי מײַן אַני-מאמין.

כ'האָב אויך געהאַט מזל, וואָס איך צי מײַן חיונה ניט פֿון דער ייִדיש-וועלט, נאָר פֿון אַ מיוחסדיקער אַמעריקאַנער-ייִדישער אינסטיטוציע וואָס זי איז אויסגעשטעלט אויף דער אייביקייט, און ווו ייִדיש פֿאַר זיך שפּילט גאָר אַ קנאַפּע ראָלע. איך זאָג, אַז דאָס איז מזלדיק, ווײַל איך ווער געצוווּנגען צו געפֿינען אַלץ נײַערע באַגריף-סיסטעמען אויף צו פֿאַרבינדן מײַן גײַסטיקע ירושה מיט דער וועלט פֿון חכמת-ישׂראל פֿון איין זײַט און מיטן אַמעריקאַנער ייִדנטום פֿון דער צווייטער. און אין איצטיקן מאָמענט האָב איך אָנגעהויבן צו לערנען ייִדישע ליטעראַטור אין תּל-אָבֿיבֿער אוניווערסיטעט, און דווקא אויף העברעיִש. דאָ, ווו דער ווידערווילן צו ייִדיש קער זיך מער ניט אָן מיט דער אַ"ג „שלילת-הגולה”, נאָר וואַקסט אַרויס פֿונעם אַלץ מער פֿאַרביסענעם קולטורקאַמף צווישן פֿרומע און פֿרײַע, זע איך פֿאַר זיך אַ נײַעם פֿאַרמעסט: צו באַווײַזן ווי ייִדיש אַליין איז די בריק, די אײַזערנע בריק, וואָס זי פֿאַרבינדט דעם פֿאַרשניטענעם עבֿר מיטן שפּרודלדיקן הײַנט, אומקום מיט אויפֿלעב, די טויזנט-יאָריקע ירושה פֿון אַשכּנז מיט ייִדישער אַלוועלטלעכקייט.

מיר איז גוט – איך בין אַ ייִדישיסט.

---

**אין קומעדיקן נומער**

- ד"ר משה וואָלף
- רייזל זשיכלינסקי
- יצחק קאַהאַן
- הירש רעלעס
- אַבֿרהם שולמאַן

---

ד"ר אַהרן-לייב נאַדלער

# אָשר שטשוטשינסקי-פּרעמיע פֿאַר דוד פֿישמאַן

## דעם 24סטן מאַרץ 1996

עס איז פֿאַר מיר באמת אַ גרויס פֿאַרגעניגן איבערצוגעבן די אָשר שטשוטשינסקי-פּרעמיע צו מײַן גוטן-פֿרײַנד און קאָלעגע, פּראָפֿ' דוד פֿישמאַן.

מײַן פֿרײַנדשאַפֿט און צוזאַמענאַרבעט מיט דודן האָט זיך אָנגעהויבן אין האַרוואַרד-גראַדויִר-שול, ווו איך האָב באַלד באַקומען דרך-ארץ פֿאַר זײַן אומגעוויינטלעכן רצון פֿאַר פֿאַרשיידענע מינים פֿאָרמען ייִדישקייט, סײַ וועלטלעכע און סײַ רעליגיעזע. ביז איך האָב זיך באַקענט מיט דודן, זײַנען אַלע ייִדישיסטן וואָס איך האָב געקענט (מערסטנס פֿון מײַן היימשטאָט, מאָנטרעאָל) געווען הייסע אָנהענגערס פֿון דער וועלטלעך-ייִדישער קולטור. און דאָ טרעף איך דוד פֿישמאַן, אַ לײַדנשאַפֿטלעכער ייִדישיסט, אַ מיטגליד (אין יענע טעג) פֿון „יוגנטרוף”, אָבער אַ גראַדואַנט פֿון ישיבֿה-קאַלעדזש, מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ, וואָס פֿלעגט מיר כּסדר מוסרן פֿאַר מײַן צו פֿיל רעדן בעתן שבתדיקן דאַווענען אין האַרוואַרד-הילל.

ביזן הײַנטיקן טאָג איז דוד געבליבן אַ מוסטער, קען מען זאָגן און צום גרויס באַדויערן, איינער פֿון די איינציקע מומחים אין אַלע אַספּעקטן פֿון די ייִדישע רעליגיעזע, היסטאָרישע און קולטורעלע טראַדיציעס, און אַ וויסנשאַפֿטלער, וואָס נעמט אַרום יעדן אַספּעקט פֿון דער גײַסטיקער ירושה פֿון מיזרח-אייראָפּעיִשן ייִדנטום. ער איז אַ פֿולבלוטיקער ייִדישיסט, אָבער אויך אַ פֿײַנער בעל-תּפֿילה; ער פֿילט זיך היימיש סײַ אין דער ליטעראַרישער וועלט פֿון חיים גראַדע און סײַ פֿונעם ווילנער גאָון; אַ התלהבֿותדיקער אָנהענגער פֿון ייִדישער אינטעלעקטועלער געשיכטע, אָנהייבנדיק מיטן דובנער מגיד ביז שמעון דובנאָוו וואָס פֿאַר אים האָבן מוסרניקעס און ייִדישע מענשעוויקעס דעם זעלבן אינטערעס און ווערט; אַ גראַדויִרטער פֿונעם אָרטאָדאָקסישן ישיבֿה-אוניווערסיטעט, וואָס לערנט הײַנט אינעם קאָנסערוואַטיוון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, און פֿירט אָן מיט פֿאָרשאַרבעט אין ייִוואָ.

אין אַ צײַט ווען אונדזער ייִדישער ציבור איז געפּלאָגט און לײַדט פֿון אידעאָלאָגישער צעשפּליטערונג, איז דוד פֿישמאַן אַ מוסטער פֿאַר וועמען יעדע שאַטירונג